בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת קרח תשע"ח | פרקי אבות פרק ד | גליון 460 [שנה י']

**פָּרָשָׁה זוּ יָפָה נִדְרֶשֶׁת בְּמִדְרַשׁ רַבִּי תַנְחוּמָא**

וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן־יִצְהָר בֶּן־קְהָת בֶּן־לֵוִי: (ט"ז א') **זאגט רש"י ויקח קרח: פרשה זו יָפָה נדרשת בְּמִדְרַשׁ רַבִּי תַנְחוּמָא:** עס זענען דא אסאך פירושים אין כוונת רש"י על דרך דרש, אבער על פי פשטות קען מען זאגן אז רש"י האט נישט געוואלט מפרש זיין די שבח פון קרח וועגן די כבוד פון משה, און מפרש זיין די גנאי פון קרח האט ער אויך נישט געוואלט, וועגן דער כבוד פון קרח, דעריבער זאגט רש"י, דער מדרש תנחומא איז מפרש דעם ענין זייער שיין. (אֲרוֹן עֵדוּת ח"ג דף לה, הגה"צ ר' שרגא יאיר)

**פארוואס שרייבט מען קֹרַח'ס יחוס און וואס מיינט עֵינוֹ הִטְעָתוֹ?**

וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן־יִצְהָר בֶּן־קְהָת בֶּן־לֵוִי: (ט"ז א') זאגט רש"י מַה ראה לִשְׁטוּת זה **עֵינוֹ הִטְעָתוֹ**, צו פארשטיין וואס מיינט עינו הטעתו, און אויך איז שווער פארוואס דארף מען אויס רעכענען זיין יחוס? נאר עס שטייט אין ספר הנ"ל אֲרוֹן עֵדוּת, אז קרח האט געקוקט אויף זיין יחוס פון וואו ער שטאמט און דאס מיינט עינו הטעתו ווייל מען דארף קוקן אויפן אייגענעם יחוס און לאזן דער יחוס נאר אויף צו העלפן גיין העכער אין מדריגות, מיין זון הר' יוסף הלוי קליטניק נ"י האט דאס צו געשטעלט צו א פרדס יוסף פ' וארא וואס הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל איז מפרש וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב, וואס רש"י זאגט אל האבות! ווייל זיי האבן געוואלט זיין דער אַב, זיי זאלן זיין דער יחוס, און נישט קוקן אויף זייערע אבות, און דאס איז געווען דער טעות פון קרח.

**דרוש- וואס מיינט לקח עצמו און עֵינוֹ הִטְעָתוֹ?**

וַיִּקַּח קֹרַח: (ט"ז א') זאגט רש"י: לָקַח אֶת עצמו לצד אחד. דארף מען פארשטיין דעם לשון עצמו? נאר רש"י זאגט וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה עינו הטעתו ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו שמואל ששקול כנגד משה ואהרן אמר בשבילו אני נמלט, לכאורה דארף מען פארשטיין וואס מיינט "עֵינוֹ הִטְעָתוֹ"? נאר עס שטייט (יומא כ"ב:) מפני מה לא נמשכה מלכות בית שאול מפני שלא היה בו שום דופי ואין מעמידין פרנס על הציבור אא"כ קופה של שרצים תלוי לו מאחוריו שאם תזוח דעתו עליו אומרים לו חזור לאחוריך ע"כ, דאס מיינט אז א מנהיג דארף האבן א זאך וואס זאל שטיין אנקעגען אים פאר א דערמאנונג אז ער זאל זיך נישט גרויס האלטן און אזוי וועט זיין א קיום צו זיין הנהגה, און עס שטייט אין ספר (תפארת יונתן פ' וארא) אז ביי משה ואהרן איז געווען זייער קופה של שרצים מיט דעם וואס עמרם האט חתונה געהאט מיט יוכבד דודתו וואס שפעטער האט דאס די תורה גע'אסרט, און אויך ביי דוד האט ער געהאט דעם שמץ דופי ווייל ער קומט פון רות המואביה, דעריבער דורך די שמץ דופי איז געווען א קיום צו די הנהגה פון משה ואהרן און דוד עיי"ש. אבער קרח שפקח היה און א חכם, עשיר און א יחסן און האט נישט א שמץ דופי קען ער נישט זיין א מנהיג, אויב אזוי פארוואס האט ער געזוכט? איז דער תירוץ עֵינוֹ הִטְעָתוֹ: ער זעט אז זיין איניקל שמואל וואס האט נישט א שמץ דופי און איז געווען א מנהיג אסאך יארן, איז דאך משמע אז מען קען זיין א מנהיג אפילו מען האט נישט א שמץ דופי, אבער עֵינוֹ הִטְעָתוֹ, זיין טעות איז געווען אז ער אליין קרח איז געווען דער קופה של שרצים וואס איז געשטאנען אנקעגען שמואל אז ער זאל זיך נישט גרויס האלטן ווייל מען וועט זאגן דיין זיידע קרח איז איינגעזונקען אין די ערד, און דעריבער האט שמואל געפירט לאנג. דאס איז פשט: ויקח קרח, לקח את **עצמו**, ער האט נישט געקוקט אז ער אליין איז די קופה של שרצים. און דאס מיינט עינו ער האט נאר געקוקט אויף איין זייט, (ילקוט הגרשוני מהרה"צ מליסקא, און ירחון מגד ירחים בשם הגאון ר' עמרם בלום אב"ד אויפאלא)

**מדרש פליאה - מה ראה קרח לחלוק על משה, פַּרְשַׁת פָּרָה אֲדוּמָּה רָאָה!**

שטייט א באוואוסטע מדרש פליאה "מה רָאָה קֹרַח לַחֲלוֹק עַל מֹשֶׁה פַּרְשַׁת פָּרָה אֲדוּמָּה רָאָה" מען קען זאגן לויט וואס שטייט אין ספר נפתלי שבע רצון (אמ"ד תס"ה) אז די מחלוקת פון קרח מיט אהרן איז געווען, ווייל אהרן האט געמאכט די עגל און די גמ' (מנחות דף קט.) שטייט אז כהנים ששימשו בבית חוֹנְיָו, [בית המקדש שבנה חוֹנְיָו בנו של שמעון הצדיק באלכסנדריא של מצרים, רע"ב] לא ישמשו בבית המקדש, מעגן נישט דינען אין בית המקדש, דעריבער האט קרח געהאלטן אז אהרן מעג נישט משמש זיין אלץ כהן עכ"ד. אבער עס שטייט אין חז"ל אז אויב דער משמש בבית חוֹנְיָו האט געמיינט לשם שמים, מעג ער יא משמש זיין אין בית המקדש, און אהרן האט זיכער געמיינט לשם שמים ביי די עגל, מעג ער זיין א כהן משמש! אבער ווען עס איז געקומען צום פָּרָה אֲדוּמָּה וואס איז געטאן געווארן נאר דורך אלעזר און נישט אהרן, האט שוין קרח געזען אז אהרן האט יא געזינדיגט ביים עגל, ממילא קען ער נישט זיין א כהן, איז זיין טענה האט געשאפט די מחלוקת, דאס מיינט פרשת פָּרָה אֲדוּמָּה רָאָה, פון די פָּרָה אֲדוּמָּה האט ער גענומען זיין טענה. (חֶדְוַת יַעֲקֹב ברלין תקל"ו)

**נאך א פשט אין מדרש פליאה פַּרְשַׁת פָּרָה אֲדוּמָּה רָאָה!**

שטייט אז נאכן חטא העגל האט משה רבינו מלמד זכות געווען אויף כלל ישראל אז דער אויבערשטער האט געזאגט ביי בארג סיני "לֹא־יִהְיֶה־לְךָ אֱלֹקִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי" א לשון יחיד "לְךָ" האבן די אידן געמיינט אז דער אויבערשטער רעדט דער באפעל נאר צו משה און עס איז נישט פאר כלל ישראל, ממילא האבן די אידן געמאכט דעם עגל! אבער נאך דעם וואס די אידן האבן געדארפט ברענגען א פרה אדומה צו מכפר זיין אויפן עגל, קומט אויס אז די לימוד זכות פון משה איז נישט אנגענומען געווארן, דעריבער וַיִּקָּהֲלוּ עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב לָכֶם כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים וּבְתוֹכָם ה' (טז ג) אז אלע האבן געהערט דעם אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ און אלע אידן זענען גלייך, אויב אזוי וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל ה'. דאס מיינט פָּרָה אֲדוּמָּה רָאָה. (הגאון אברהם ברוידא זצ"ל רבו של הקרבן נתנאל ומעיל צדקה. נפ' תע"ז)

**א] א ווינקל אין הלכה: אסור לאכול גבינה על מַפָּה שֶׁאָכְלוּ בָשָׂר**

**שטייט אין שו"ע** (יו"ד סי' פ"ט ס"ד) **וְאָסוּר לֶאֱכוֹל גְּבִינָה עַל מַפָּה שֶׁאָכְלוּ בָשָׂר** (והוא הדין להיפך בשר על מפה שאכל גבינה) **דאס איז א פסק הלכה אז מען טאר נישט עסן פליישיג'ס אדער מילכיג'ס אויפן זעלבן טישטאך, און דער טעם איז ווייל עס שטייט פריערט: מי שאכל גבינה ורוצה לאכול בשר צריך לְבַעֵר מֵעַל הַשֻּׁלְחָן שְׁיוּרֵי פַּת שאכלו עם הַגְּבִינָה: אויב מען האט געגעסן קֶעז און מען וויל עסן פלייש, דארף מען אראפרוימען די ברעקלאך פון טיש וואס מען האט געגעסן מיט די קֶעז כדי מען זאל נישט עסן בָּשָׂר בְּחָלָב. ברענגט דער דרכי תשובה –מונקאטש** (יו"ד פ"ט סקמ"ח) **א מדרש תלפיות** (אות ב' ענף בשר בחלב) **פון ספר יש נוחלין "דְּיֵשׁ לִיזָּהֵר שיהיה לו ב' מַפּוֹת א' יהי' מיוחדת לְבָשָׂר וא' מיוחדת לאכול עליה חָלָב וְתִזָּהֵר שלא יַחְלִיפוּ אף**

אם אינו מניח המאכל על הַמַּפָּה עצמו רק על הקערה" מען זאל האבן צוויי טישטאכער איינ'ס פאר פליישיג'ס און איינ'ס פאר מילכיג'ס און מען זאל מאכן א סימן אויף זיי כדי נישט אויסצובייטן די טישטאכער. דער מגן אברהם (או"ח סימן קע"ג) שרייבט אִם מְנַקִּים הַמַּפָּה טוֹב, יכול להשתמש עם אותו מפה בשביל מִין השני וה"ה אם אינו אוכלים הבשר בצד המפה שאכלו בה חֲלָבִי, שטייט דא אז אויב מען רייניגט דעם מיליכדיגן טישטאך פון ברעקלאך מעג מען עסן אויף דעם טישטאך פליישיג'ס, און נאך א היתר: אויב מען דרייט איבער דעם מיליכדיגן טישטאך, מעג מען עסן אויף דער אנדערן זייט פליישיג'ס. אבער דער מהרש"ל אין ים של שלמה (פרק ח' סימן מ"ג) שרייבט אז מדת חסידות צו מחמיר זיין ווייל מען איז חושש אז שפעטער וועט מען פארגעסן וועלכע זייט איז מילכיג'ס און וועלכע איז פליישיג'ס. אבער אין יש נוחלין שטייט מען זאל מאכן א קלארע סימן ממילא וועט מען זיך נישט פאר טוישן.די אלע קולות קען מען נוצן בשעת הדחק אבער ישראל קדושים און מען האט באזונדערע מַפּוֹת. (שמח זבולון תשע"ח)

גענוצטע ספרים פאר די אוצר הספרים אין די בערג פאר גאר ביליג כמעט בחנם

## מדור העובדות

## דער הייליגער צדיק ר' צבי הירש משרת האט אויסגעהיילט א חולה פארקערט פון די טבע

הרה"ק ר' צבי הירש משרת זצוק"ל דער ממלא מקום פון הרה"ק ר' מנחם מענדל מרימינוב זצוק"ל פלעגט ארום פארן די שטעטלאך לעבן רימינוב צו מחזק זיין די עלטערע חסידים פון זיין הייליגן רבין ר' מענדל'ע. איינמאל איז ער אנגעקומען אין שטאט סאניק וואו דארט האבן געוואוינט אסאך פון די חסידים און האט דארט פארברענגט א לענגערע צייט.

דעמאלטס האט זיך געמאכט אז דער ראש הקהל פון סָאנִיק איז געווארן זייער קראנק אויף זיין הארץ און זיינע לונגען. מען האט גערופן די גרעסטע דאקטוירים און זיי האבן געארבעט זייער שווער צו היילן דעם ראש הקהל, אבער נאך א פאר וואכן האבן די דאקטוירים זיך מייאש געווען פון חולה און האבן פארלאזט די שטאט סָאנִיק. די משפחה האבן זיך דערוואוסט אז ר' הערשל איז אין שטאט, זענען זיי געגאנגען צו אים ער זאל ראטעווען דעם חולה, האט ר' הערשל געזאגט אז ער איז שוין אויפן וועג צו לינסק ווייל ער וויל דארטן זיין אויף שבת! האבן זיי געזאגט עס איז א מצב פון פיקוח נפש און זיי בעטן דעם רבין זיי צו העלפן. דער רבי האט געבעטן דער נאמען פון חולה און געהייסןווארטן און דער רבי איז אריין אין זיין צימער. עס גדויערט א לענגערע צייט און די מענטשן ווארטן אומגעדולדיג, אבער דער רבי האט געעפענט די טיר און געזאגט מען קען ראטעווען דעם חולה אבער זיי מוזן צו זאגן אז זיי וועלן געבן צוועלף גאלדענע רענדלאך ווען דער חולה וועט ווערן געזונט. די משפחה האט צוגעזאגט!

דער רבי איז אנגעקומען אין הויז פון ראש הקהל מיט זיין משמש און דער רבי גייט צו צום חולה און פרובירט רעדן צו אים אבער דער חולה האט שוין געשוועבט אין א אנדערן עולם. דער רבי האט געזאגט אז דער מצב איז זייער ערנסט און ער מוז עפעס טאן אבער אלע מוזן פארלאזן דעם צימער.

דער רבי איז געבליבן מיטן חולה און זיין משמש. דער רבי זעצט זיך ביים קאפ פון חולה און הייסט זיין משמש אנפילן זיין לילקא- פייפקא- און דאס אנצינדן. דער רבי נעמט זיך רייכערן די לילקא און די צימער ווערט אנגעפילט מיט רויך. דעם רבינ'ס פנים פלאמט און זיינע אויגן זענען פארמאכט, ער איז נישט אויף דעם עולם. א שטארקע שטילקייט הערשט אין צימער און דער משמש ווערט דערשראקן. פלוצלינג וועקט זיך אויף דער רבי און הייסט דעם משמש אנגרייטן נאך אמאל די לילקא און דאס אן צינדן און דער רבי נעמט זיך נאכאמאל רייכערן די לילקא, און ווייטער חזרט זיך איבער דאס זעלבע.

דער משמש ווארט און ווארט און דער רבי רייכערט אן דעם צימער אז מען קען שוין כמעט גארנישט זען פון אזוי פיל רויך. דער רבי קומט צו זיך און הייסט דעם משמש אנגרייטן נאך אמאל די לילקא און דאס אן צינדן און דער רבי נעמט זיך נאכאמאל רייכערן די לילקא און ווייטער חזרט זיך איבער מיטן רבינ'ס פנים און ער שוועבט אין א העכערן וועלט. דער משמש האט שוין נישט געקענט אויסהאלטן דעם רויך און דער רויך איז יעצט ארויס פון צימער און מען האט געמיינט אז די קוימען ברענט.

דערווייל איז אנגעקומען איינע פון די דאקטוירים צו זען וואס עס טוט זיך מיטן חולה און פון דערווייטנס זעט ער ווי אסאך רויך גייט ארויס פון צימער פון ראש הקהל. און ער ווערט צוטומולט און ער לויפט שנעל צו די משפחה וואס האבן געווארט אין א אנדערן הויז און מיט א געוואלד נעמט ער שרייען אז עס גייט א רויך פון צימער פון קראנקן! און רויך איז סם המות פאר די לונגען! האבן די משפחה געזאגט אז ר' הערשעל'ע מרימינוב איז ביים חולה און זיי לאזן אים טאן וואס ער פארשטייט כדי אוים צו היילן דעם חולה. דער דאקטאר איז נישט געווען קיין גלויבער אין רבי'ס איז ער שנעל געגאנגען צו דעם צימער און געעפענט די טיר און זעהט ווי די גאנצע צימער איז געדיכט מיט רויך און ער הויבט אן צו שרייען: רוצחים! רויך איז סם פאר אזא חולה און פארקנאקט דעם טיר מיט א שטארקן קלאפ מיט כעס.

דער רבי האט נישט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און ווען דער רבי האט געענדיגט רייכערן דעם לילקא האט ער געהייסן דעם משמש עפענן די פענסטער'ס אז די רויך זאל ארויסגיין פון צימער. ווען די רויך איז ארויס פון צימער האט דער רבי געהייסן פארמאכן די פענסטערס און גייט צו צום ראש הקהל און פרעגט אים צו ער דערקענט אים? און דער ראש הקהל ענטפערט מיט א שוואכע קול אז יא! דער רבי האט געשיקט רופן די משפחה און זיי געוויזן אז עס איז דא א שינוי לטובה. און זיי האבן אנגעהויבן רעדן מיטן חולה און ער האט געזאגט ער פילט זיך אסאך בעסער אבער שוואך!

די משפחה האט ארויסגענומען 4 גאלדענע מטבעות וואס זענען געווען ווערד מער פון צוועלף גאלדענע רענדלאך, און האבן געבעטן דעם רבין אז ער זאל צוריקומען אין א וואך און זיי ווילן מאכן א סעודת הודאה און דער רבי האט מסכים געווען. אין א וואך ארום איז דער ראש הקהל געקומען צו זיינע כוחות און ווען ר' הערשעלע איז אנגעקומען קיין סאניק איז שוין דער ראש הקהל אנקעגן געגאנגען מקבל פנים זיין דעם רבין. און געשריגן "שלום עליך רבי ומורי! דער רבי האט זיך געפריידט אים צו זען און די סעודה איז געפראוועט געווארן ברוב עם. די משפחה האט צו געגעבן נאך געלט פארן רבין. דער מעמד האט געשאפט א קידוש שם שמים ברבים און פון דעמאלטס אן פלעגט דער רבי אפט פארן קיין סאניק און געקענט אנקומען צו גרויסע סכומים געלט פאר זיין צדקה ענ'נים.

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן***

קונטרס חידושי תורה על ש"ס שטארקע חידושים געשריבן תרכ"ח און ברענגט דריי תורות וואס ער האט געהערט פון הייליגן צמח צדיק מוויזניץ און זענען נישט געדרוקט $3000, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק $900, ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000,, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגוואר רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט ח"ב דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, *ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000 ספר וואס באשרייבט דער ישיבה אונסדארף $300, 4 ספרים באלאנגט צו הרה"ק ר' שלום רובין מגלאגוב מיא חתימות, $2000, ספר באלאנגט צו אב"ד נירבאטור הרה"ג ר' אהרן טייטלבוים זצ"ל $1000*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***